**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/16/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול גיט ארויס פראקלאמאציע צו אנערקענען 'טראנסדזשענדער באוואוסטזיניגקייט מאנאט' אין ניו יארק סטעיט**

***לייענט פראקלאמאציע [דא](#)***

***סטעיט מערקפונקטן צו ווערן אויפגעלאכטן אין אנערקענונג פון 'טרענסדזשענדער אנדענק טאג' אום נאוועמבער 20***

***פובליק סערוויס אנאנסמענט ארויסצוהייבן רעכטן פון טראנסדזשענדער און דזשענדער נאָן-קאנפאָרמינג ניו יארקער אינעם ארבעטספלאץ אויף צו באשיצן קעגן דיסקרימינאציע איז צו באקומען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט [ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע](#) דעקלערנדיג נאוועמבער אלס 'טראנסדזשענדער באוואוסטזיניגקייט מאנאט', אנערקענענדיג דער טראנס קאמיוניטי אין ניו יארק סטעיט און לענגאויס דעם לאנד. דער גאווערנער האט אויך געמאלדן אז ניו יארק סטעיט לענדמארקס וועלן ווערן אויפגעלאכטן אין פינק, וייס און ליכטיג בלוי, היינט, נאוועמבער 20, לכבוד 'טרענסדזשענדער אנדענק טאג'.

"דעם נאוועמבער בין איך שטאלץ צו זיך צו פרייען לכבוד 'טראנסדזשענדער באוואוסטזיניגקייט מאנאט' אויף ארויסצוהייבן די אומצאליגעביישטייערונגען וואס מיטגלידער פון דער טראנסדזשענדער קאמיוניטי האבן געמאכט צו אונזער סטעיט," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "איינאיינעם מיט 'טרענסדזשענדער אנדענק טאג' איז דאס א געלעגנהייט צו הייבן באוואוסטזיניגקייט איבער די דיסקרימינאציע און אנפאלן וואס טראנסדזשענדער, דזשענדער נאָן-קאנפאָרמינג און נאָן-ביינערי מענטשן האבן אויסצושטיין איבער דער וועלט. מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער שטיין מיט'ן טראנסדזשענדער קאמיוניטי בשעת מיר קעמפן אויף צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער קענען וואוינען מיט די זעלבסט-עהרע און גלייכבארעכטיגקייט וואס עס קומט זיך זיי."

גאווערנער האוקול איז געווען א פעסטגעהאלטענע שטיצער פון דער LGBTQ+ קאמיוניטי. אין איר ערשטן בודזשעט, האט גאווערנער האוקול געארבעט מיט דער לעגיסלאטור אריינצושטעלן א היסטארישע 13.5 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין LGBTQ+ געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס פינאנצירונג און אויך געפאדערט פון סטעיט אגענטורן צוצושטעלן אן 'X' דזשענדער באשטימונג צום פובליק אויף סטעיט פארעמעס וועלכע זאמלען די סארטן אינפארמאציע. גאווערנער האוקול האט אויך אונטערגעשריבן גרויסע לעגיסלאציע צו שטיצן LGBTQ+ ניו יארקער, אריינגערעכנט דאס שאפן דעם 'לארענא בארכאס טראנסדזשענדער וואוילזיין און יושר'דיגקייט פאָנד' און דעם 'דזשענדער ארייננעמיגקייט בעלאָט אקט'.

גאווערנער האָקול האט אויך געמאלדן היינט אז די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכט האט פראדוצירט א פובליק סערוויס אנאנסמענט אין צוזאמארבעט מיט'ן יו-עס  גלייכע באשעפטיגונג רעכטן קאמיסיאנער און דעם 'ניו פרייד אגענדע' אויף די רעכטן פון טרענסדזשענדער און דזשענדער נאָן-קאנפאָרמינג מענטשן אין דעם ארבעטספלאץ אויף צו באשיצן קעגן דיסקרימינאציע. דער PSA וועט לויפן אויף סאושעל מידיע פלאטפארמעס אין פאראכטונג פון 'טראנסדזשענדער באוואוסטזיניגקייט מאנאט' און 'טרענסדזשענדער אנדענק טאג'.

אין צוגאב, האט דער אפיס פון באשעפטיגטע באציאונגען, אין באראטונג מיט'ן עקזעקיוטיוו טשעימבער, געשאפן א נייער טרענירונג ווידעאו וואס קוקט נאך די פראבלעמען וואס טרענסדזשענדער און דזשענדער-נאנקאנפארמינג באשעפטיגטע האבן אויסצושטיין אין דעם ארבעטספלאץ. די ווידעאו וועט געניצט ווערן אויף אויסצולערנען און העכערן קולטורעלע קענטעניס בנוגע דער טרענס קאמיוניטי פאר'ן גאנצן סטעיט ארבעטסקראפט, וואס גרייכט מענטשן פון באפעלאו ביז אלבאני, נארט קאנטרי ביז ניו יארק סיטי און לאנג איילענד.

בויענדיג אויף די אינפארמאציע וואס איז שוין צו באקומען אין דעם אפיס פון באשעפטיגטע באציאונגען'ס דזשענדער אידענטיטעט געצייג-קעסטל אויף דעם גאנץ-סטעיט'יגן לערנונג פארוואלטונג סיסטעם, וועט דער נייער דזשענדער ID אין דעם ארבעטספלאץ ווידעאו פארזארגן א מער דייטליכע בליק אויף פראבלעמען ווי פראנאמען באניץ, דזשענדער-נייטראלע שפראך, ארבעטספלאץ קאנפידענציעליטעט און גילוי, און דזשענדער-באזירטע מייקראָאַגרעשענס אינעם ארבעטספלאץ. די ווידעאו איז אין ענדגילטיגע פראדוקציע און דער אפיס פון באשעפטיגטע באציאונגען קוקט ארויס אויף איינצופירן די נייע טרענירונג אלס טייל פון איר מאנדאטירטע טרענירונג פראגראם פאר עקזעקיוטיוו אפטיילונג באשעפטיגטע אין יאר 2023.

אין יאנואר וועט דער סטעיט אפיס פאר פארמיידן שטוב-געוואלדטאט ארויסגעבן אפליקאציעס פאר'ן LGBTQ+ אינדארסירונג פראגראם פאר שטוב-געוואלדפארברעכנס פארזארגער. אויסגעמאלדן דורך גאווערנער האָקול אין יוני, וועט דער איין-יאריגער פראבע פראגראם העלפן אדרעסירן די אייגנארטיגע ראנגלענישן וואס עס האבן אויסצושטיין די טראנסדזשענדער קאמיוניטי ווען עס זענען פאראן פעלער פון שטוב-געוואלדפארברעכנס.

דער פראגראם איז געווידמעט אויף צו רעדוצירן די מניעות וואס LGBTQ+ איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע געוואלדפארברעכנס האבן אויסצושטיין ביים אויסזוכן א זיכערן מקום מיקלט און וועט געבן אנטיילנעמער די געלעגנהייט צו זיין אין דער ערשטער גרופע פון אינדארסירטע פראגראמען, באקומען ספעציאליזירטע טרענירונג און טעכנישע הילף, און איינגעבן מיינונגען איבער איר אנטוויקלען. אויף אויסצוארבעטן דעם פראגראם, האט זיך דער אפיס פאר פארמיידן שטוב-געוואלדפארברעכנס זיך פאראייניגט אין שותפות מיט'ן ניו יארק סיטי אנטי-געוואלדפארברעכנס פראיעקט און אויסגעזוכט צוריקזאג פון דער LGBTQ+ און שטוב-געוואלדטאט פארזארגער קאמיוניטי דורך א סעריע סטעיקהאָלדער אויסהער סעסיעס דעם הערבסט.

די פרייוויליגע אונטערנעמונג וועט געבן דאמעסטיק ווייאלענס פראגראמען די געלעגנהייט צו ווערן באשטעטיגט אלס LGBTQ+ פעסטשטעליג און אריינגעמיג אין זייערע סערוויסעס, פּאָליסיס און פירונגען, און וועט אוועקשטעלן א נייער אנטשלאסנקייט צו דער LGBTQ+ קאמיוניטי לענגאויס דעם סטעיט. צו באקומען אן אינדארסירונג, וועלן פראגראמען דארפן ווייזן אז זיי קומען נאך א ריי פראגראם סטאנדארטן אריינגערעכנט סטאנדארטן פון דינען טרענס און דזשענדער נאָן-קאנפאָרמינג איבערלעבער.

אום נאוועמבער 20, לכבוד 'טרענסדזשענדער אנדענק טאג' וועלן די מערקפונקטן צו ווערן אויפגעלאכטן אריינגעמען:

וואָן וואָרלד טרעיד צענטער
גאווערנער מעריאו עם. קאומאו בריק
קאסציאושקא בריק
די העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
סטעיט בילדונג געביידע
אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
עמפייער סטעיט פלאזא
סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
ניאגארא פאָלס
דער ׳פראנקלין די. רוזוועלט׳ מיטל-הודסאן בריק
גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדוקט
אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
׳פעירפארט ליפט׳ ברידזש איבער דעם ערי קאנאל

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418